בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת אמור

# פרשת אמור

**אמור אל הכהנים בני אהרן וגו' כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאביו וגו'.**

פרעגן די מפרשים פארוואס שטייט קודם לאמו און נאכדעם לאביו, זאגט דער אבן עזרא אז די טבע איז אז די נשים שטארבן פאר די אנשים. אויב אזוי איז שווער פארוואס ביים דעם כהן גדול שטייט פארקערט 'לאביו ולאמו' לא יטמא.

נאר די גמרא זאגט אז אין דעם טאג וואס מ'האט אויפגעשעלט די משכן האט מען באפוילן אויף די פרשה פון טומאת כהנים, און אז מ'טראכט אריין זעהט מען אז די מצוה איז געזאגט געווארן נאר פאר דריי כהנים, ווייל אהרן'ס עלטערן האבן שוין נישט געלעבט, און עס שטייט דאך אין תורה אז אין דעם טאג וואס מ'האט באנייט דעם משכן זענען אוועק נדב און אביהו, קומט אויס אז דעמאלטס זענען געווען נאר דריי כהנים, אהרן דער כהן גדול און זיינע צוויי קינדער אלעזר און איתמר.

און לויט דעם, די דינים פארן כהן גדול אז ער טאר זיך נישט מטמא זיין פאר זיינע עלטערן איז געזאגט געווארן נאר פאר אלעזר אויב אהרן און זיין פרוי וועלן נפטר ווערן און אלעזר וועט ווערן א כהן גדול, טאר ער זיך נישט מטמא זיין צו זיי.

אבער דאס אז ס'זאל זיין שייך 'לאביו ולאמו', דאס איז נאר אויב דער 'אביו' דאס מיינט אהרן וועט קודם נפטר ווערן פאר 'לאמו' דאס מיינט אהרן'ס פרוי, אבער אויב זי וועט קודם נפטר ווערן בלייבט דאך אהרן כהן גדול, און אלעזר וואס איז נאך א כהן הדיוט וועט זיך מעגן מטמא זיין צו זיין מאמע.

וועגן דעם ביי די דינים פונעם כהן גדול, שטייט 'לאביו ולאמו', ווייל נאר אויב דער טאטע - אהרן הכהן -ווערט פריער נפטר איז שייך ביי אלעזר די מצוה ביי אלעביידע 'לאביו ולאמו'.

**(אמרי בינה)**

**אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו.**

דער קדושת לוי טייטש די וואך, "אמור אל הכהנים בני אהרן", אז די כהנים וועלן מיינען אז מ'איז זיי מכבד ווייל זיי זענען אליינס חשוב, אבער באמת קען זיך א מענטש גרויס האלטן נאר מיט וואס ער האט זיך אליין געפלאגט, אבער מיט אזא זאך וואס ער האט זיך נישט געפלאגט אזוי ווי יחוס אבות איז נישט שייך אז מ'זאל זיך גרויס האלטן, וועגן דעם די ערשטע זאך זאלסטו זאגן פאר

די כהנים "בני אהרן", אז די קדושה איז גארנישט זייער'ס, נאר ס'איז 'אשר קדשנו בקדושתו של אהרן', וועגן דעם האבן זיי זיך נישט צו גרויס האלטן מיט דעם, און נאכדעם "ואמרת אליהם", קענסטו זיי זאגן די גאנצע פרשה אז מ'דארף זיי מכבד זיין.

און אזוי טייטשט מען אויך וואס רש"י זאגט "להזהיר גדולים על הקטנים", אז די כהנים זאלן נישט זיין אזוי גרויס ביי זיך [דהיינו שיתנהגו בבחינת קטנים בענוה].

און ס'קען זיין לויט דעם קדושת לוי - אביסל אנדערש - מ'ברענגט צו (עי' בכנסת יחזקאל פ' במדבר, וכעי"ז מובא בעטרת ישועה פ' שמות) אז דער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט וואס איז דער חילוק צווישן איהם און זיין חבר, זיי האבן ביידע צוזאמען געהארעוועט און אויפגעשטאנען פארטאגס, נאר דער חילוק איז געווען ביים גלעזל בראנפן נאכ'ן דאווענען, "מיין חבר נאך אזא גרויסע עבודה זעצט ער זיך אראפ נאכ'ן דאווענען טרינקען א גלעזל בראנפן, און ער טראכט אזוי אריין ווי אזוי האט מיין טאטע געדאוונט, טראכט ער אז איך שטיי העכער פון מיין טאטן קומט מיר דאס גלעזל בראנפן, אבער איך - האט דער ראפשיצער רב געזאגט אויף זיך - אז איך קוק צו די עבודה פון מיין טאטן און פון מיין זיידן, זעה איך אז כ'האב נאכנישט אנגעהויבן, און דאס גלעזל בראנפן טרינקט זיך שוין נישט אזוי".

לויט דעם קען מען זאגן אז דאס איז פשט, אמור אל הכהנים "בני אהרן", אז זיי זענען מיוחסים, דורך דעם "לנפש לא יטמא בעמיו", וועט ער זיך נישט שפירן אזוי גרויס ביי זיך און נישט נכשל ווערן מיט גאוה.

**(מרן רבינו שליט"א - שולחן מלכים תצוה תשס"ט)**

## אלה הם מועדי ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון.

ולכאורה קשה מה שהתחיל הכתוב במועדים ומסיים בשבת, עוד קשה למה אמר הכתוב "תעשה מלאכה" ולא אמר "כל מלאכה" כמו שכתוב בעשרת הדברות, וי"ל שכל הכתוב הזה מדבר במועדי השנה, ששה ימים מהם, והם שני ימים של פסח, יום אחד שבועות, יום אחד ראש השנה, יום אחד סוכות, ויום אחד שמיני עצרת, מותרים במלאכת אוכל נפש, והיום השביעי שהוא יום כפור אסור, וז"ש הכתוב "אלה הם מועדי ששת ימים" ששה ימים מן המועדים "תעשה מלאכה" רק מלאכת אוכל נפש ולא כל מלאכה אחרת, "וביום השביעי" של המועדים "שבת שבתון" היינו יום כיפור "מקרא קודש כל מלאכה לא תעשו" אפי' מלאכת אוכל נפש אסור.

**(הגר"א ז"ל)**

# וספרתם לכם ממחרת

**מסופר שפעם באשמורת הבוקר בימי החורף והקור המושלגים, יצא הרה"ק לרחובה של עיר, וראה איש יהודי רץ לבית הכנסת וטלית ותפילין בידו, כשקרב אליו וראהו בעניו, לבוש בגדים קרועים ומנעלים העשוים טלאי ע"ג טלאי, עצרו הרה"ק מבארדיטשוב ואמר לו ר' יהודי מדוע מהרת היום, ומה לך רץ יחף ורועד מקור, הלא תיטיב אם תשב בביתך ולא תקפא מקור וכפור, ענה לו העני רץ אני להתפלל, אמר לו הרבי הלא יכול הנך להתפלל בביתך, ענה לו שוב העני אבל בביתי לא אוכל לומר קדושה וברכו, פתח ואמר הרה"ק רבונו של עולם הבט נא משמים וראה חסנם ואיתנותם של בניך, על אף שניסיתי לפתות עני ודל זה בדברים של טעם לא שת ליבו ולא שמע לעצתי, כשסיפרו לפני הרה"ק מרוזין זי"ע נענה ואמר הלוא מקרא מפורש הוא, היה אתה לעם מו"ל האלקים, כלומר תנסה אתה להרחיקם ולפתותם שיהיו מנגד אלקים, ותראה שהם לא ינטו אחריך ואח"כ והבאת אתה את הדברים אל האלקים, להיות מליץ עליהם לפני ה', והנה נודע שהדינים נקראים חושך והאור הוא טוב וזהו וספרת"ם לכם וספרתם הוא לשון אור וחסדים מלשון ספי"ר ויהלום, על כן ראשי תיבות ו'ספרתם ל'כם מ'מחרת הוא אותיות מו"ל דזה העצה לפעמים להראות גדולתם של ישראל ועי"ז יהיו נמתקים הדינים ויהיה אור.**

(אור ישרים)